Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 26 | Łódź, Poniedziałek, 30 stycznia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ג' שבט תרצ"ג | № 26

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# דעלאדיע — פראנצויזישער פרעמיער

## ערשטע אונטערהאנדלונגען מיט די סאציאליסטען

פאריז, 29 (ספ. טעל.)

דער פראנצויזישער מלוכה-פרעזידענט האט היינט איינגעלאדענט צו זיך דעלאדיע'ן און איהם איבערגעגעבען די מיסיע צו שאפען דעם נייעם קאבינעט.

ער האט די מיסיע אנגענומען.

זיין ערשטער שריט איז געווען: זיך ווענדען צו די סאציאליסטען, אז זיי זאלען אקטיוו אריינטרעטען אין דער רעגירונג און איבערנעהמען געוויסע מיניסטאריען-פארטפעלען.

### דעפ. בלום און א בעשלוס פון פראנצויזישע סאציאליסטען

פאריז, 29 (ספ. טעל.)

נאך א געשפרעך פונם דעפ. בלום מיט'ן פרעזידענט לעברען, איז אויף א סאציאליסטישער פערזאמלונג בעשלאסען געווארען, אז די סאציאליסטען זאלען נישט צוברעכען די איצטיגע מעהרהייט אין פארלאמענט.

### פראפ. ערנסט קאהן בעקומט טויט-דראהונגען

בערלין. (יט"א) פראפ. ערנסט קאהן בעקומט לעצטענס טעגליך דורך בריף און טעלעפאניש טויט-דראהונגען. טעגליך זאמלען זיך פאר'ן אוניווערזיטעט בנין אין ברעסלוי הונדערטער היטלעריסטען, וואס פערהילכען די גאס מיט געשרייען „נידער מיט קאהן".

**Dr. Wajnberg**

ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126 02
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוועגד.

## ריזיגע שפיאנאזש-אפערע אין רומעניען

בוקארעשט, 29. (ספ. טעל.) אין דער נאכט פון פרייטאג אויף שבת האט די רומענישע מאכט ענטדעקט אין דעם בנין פון דעם צענטראלען פאסט-אמט אין בוקארעשט א גרויסע שפיאנאזש-אפערע.

דערביי זענען געמאכט געווארען פיל ארעסטען. עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די ארעסטירטע 22 פאסט-בעאמטע האבען קאפירט מיליטערדעפעשען און פאטאגראפירט פערשידענע חיכטיגע דאקומענטען, וועלכע פלעגען דערנאך איבערגעשיקט ווערען קיין אויסלאנד.

די ארעסטירטע זענען דער עיקר בולגארען, און איינציגע קאמוניסטען.

אויך אויף דער פראווינץ זענען אדורכגעפיהרט געווארען א סך ארעסטען.

## 2000 אומזיסטע מיטאגען טעגליך

### און האלב-יאהריגע שטיצע פאר 100 ארבייטסלאזע-משפחות שענקט א יודישער באראן אין בודאפעשט

בודאפעשט, (י.ט.א.) די פאמיליע פון יודישען באראן האטוואני האט געשטעלט צו דער דיספאזיציע פון בודאפעשטער שטאט-ראט א סאנד אויף ארויסגעבען טעגליך 2000 אומזיסטע מיטאגען אין משך פון די דריי ווינטער-חדשים. חוץ דעם האט באראן האטוואני זיך פערפליכטעט אויסצוצאהלען אין משך פון א האלב יאהר געלד-שטיצע אויף דער אויסהאלטונג פון 100 ארבייטסלאזע פאמיליעס.

## ווען מען נעהמט אראפ די האנד פון הארצען

### און ווען מ'קען זי בשום אופן נישט אראפנעהמען...

ווארשא, 29 (טעלעפאניש).

די ווארשאווער קהלה-פערוואלטונג האט בעשלאסען צו אסיגנירען 20 טויזענד זלאטעס פאר א קויהלען-אקציע לטובת ארימע לייט.

די אקציע הויבט זיך שוין אן אין מארגען.

דאנעבען איז אפגעווארפען געווארען דער פארשלאג פון דאזאר לעא פינקעלשטיין ווענען אנטייל נעהמען אין אנ'אקציע בילינער צו מאכען סידורה-געלד.

און ס'איז נישט קיין וואונדער: אין דער קהלה פערוואלטונג זיצען 10 הויז-ווירטען אויף דער אלגעמיינער צאהל פון 15 מיטגלידער.

## ארעסטירט דעלעגאטען פון סאוויעט-אוקראינע אין מאסקווע?

ליעמבערג, 29 (ספ. טעל.)

די אוקראינישע צייטונגען אין טשערנאוויץ האבען בעקומען פון רוסלאנד א רייה סענסאציאנעלע ידיעות, וועלכע האבען זיך נאך דערווייל נישט בעשטעטיגט.

אויף דער זיצונג פון צענטראלען אויספיהרונגס-קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי, וואס איז פארגעקומען אין מאסקווע, האבען די רעפרעזענטאנטען פון סאוויעט-אוקראינע בעלייגט א דעקלאראציע, אין וועלכער זיי בעשולדיגען פערזענליך סטאלינען, די סאוויעט רעגירונג און די לייטענדע ארגאנען פון דער פארטיי אין ברעכען די קאנסטיטוציע, וואס גאראנטירט פאר אוקראינע דאס אויטאנאמיע-רעכט.

נאכ'ן ארויסלייענען די ראזיגע דעקלאראציע זענען ארעסטירט געווארען אלע 15 אוקראינישע דעלעגאטען און זיי זענען אריינגעזעצט געווארען אין טורמע אינטער'ן פארוואורף פון סעפאראטיסטישער טעטיגקייט, וואס טרעפט אין גאנצקייט פון סאוויעטען-פערבאנד.

## רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס ביליצער, טאמאשאווער און לאדזשער אויף אנציגער און פאלטענס ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געדענקט נאר אין פראנט, II שטאק

נארוטאוויטשא 20 | זאל פילהארמאניע | נארוטאוויטשא 20

דאנערשטאג, דעם 2-טען פעברואר 1933, 8.45 אוועגד קומט פאר

## איין-איינציגער גראנדיעזער קאנצערט

נאך זיין קאלאסאלען ערפאלג אין דער לאדזער סינאגאגע, פון וועלטבעריהמטען קאנטאר-קינסטלער

ה' ישראל אלטער

(אבערקאנטאר פון האנאווער) גערופען דער יודישער קארוזא



אין פראגראם: חזנ'ישע און אייגענע חזנישע קאמפאזיציעס. יודישע פאלקס-לידער און אריעס.

1) זכרתי לך; 2) עקביא בן מהללאל; 3) רבונו של עולם; 4) מלוך; 5) ומפני חטאינו; 6) לדור ודור; 7) מנשה; 8) א דודעלע; 9) טאסקא; 10) פאיאצי; 11) ריגאלעטא; 12) אריע פון דער אפערע יוסף אין מצרים פון מאהול.

ביים קלאוויר: פראפ. ט. רידער און דירעקטאר י. זאקס.

די קליינע צאהל איבערגעבליבענע בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע טעגליך פון 11—2 און פון 5—7 נאכמ. פון 1.50 זל. ביז 4 זל.

## אכטונג, ה"ה פינדער

### אדער גנבים!

צוזי ווי איך האב מיך איבערגעצייגט ד. 15 יאנואר 1933 פון פעטריקאווער 88 איז מיר אוועקגעקומען א וואליזקע געשטעמפעלטע ביכער, וועלכע האבען פאר קיינעם קיין שום ווערט נישט. איך בעט די ביכער אפצוגעבען געגען גרויסע בעלוינונג צו אברהם שפירא, פעטריקאווער 79, טעל. 170-60. דיסקרעציע געזיכערט!

428

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב'ן קאסירער ה' יעקב האלאנד צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען ברודער

יצחק שרגא נ"ע

זיין געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון יוד. הילפס פעראיין „עזרת עניים", לאדז, אלעקסאנדריסקא 19

787

## אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

**Dr. B. Donchin**

פעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אוועגד.

409

